לעילוי נשמת

ר׳ **רפאל** בן משה ע״ה
**חסין**

נפטר י״ד כסלו, תשנ״ב
**ת.נ.צ.ב.ה.**

*

נדפס ע״י בתו
**מזל** בת מרגלית תחי׳

כתובתנו באינטרנט: http://www.moshiach.net/blind



# לקוטי שיחות

•

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מנחם מענדל
**שניאורסאהן**
**מליובאוויטש**

## ויצא

יוצא לאור על ידי מערכת
**„אוצר החסידים״**
770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.
שנת חמשת אלפים שבע מאות וששים לבריאה

# ויצא ד

**א.** אין דער היינטיקער סדרה ווערט דערציילט מיט א גרויסער אריכות, ווי יעקב אבינו זייענדיק בבית לבן, האט זיך באזונדערס אפגעגעבן מיט „צאן" — סיי זיין עבודה דארט איז געווען אלס רועה צאן, און סיי דער שכר וואס לבן האט אים פאר דעם געצאלט לבסוף איז גע־ווען מיט צאן;

אזוי אז זיין (עיקר) רכוש איז געווען צאן און פון דעם איז ער נתעשר גע־ווארן — „ויפרוץ האיש מאד מאד ויהי לו צאן רבות (און דורך דעם צאן האט ער אויך געהאט) ושפחות ועבדים וגמלים וחמורים"[1], ווי רש"י[2] איז מפרש: „מוכר צאנו בדמים יקרים ולוקח לו כל אלה"[3].

פונדעסטוועגן זעט מען אז אין פ' וישלח, ביי דער שליחות פון יעקב צו עשו'ן, ווערן דארט די פרטי הרכוש פון יעקב אויסגערעכנט מיט דעם סדר: „ויהי לי שור וחמור צאן ועבד ושפחה גו'" — „צאן" נאך „שור וחמור"[5] — און ניט צאן אלס ראשית ועיקר קנינו; ובפרט אז עס איז אויך ניט ווי פריער, ווען דער פסוק דערציילט ווי יעקב איז אנטלאפן פון לבן'ען, וואס עס שטייט[6] „וינהג (פריער) את כל מקנהו (און ערשט דערנאך) ואת כל רכושו גו' מקנה קנינו' גו'".

**ב.** יעדער ענין אין תורה, איז א הוראה נצחית פאר יעדער איד'ן בכל מקום ובכל זמן. ובפרט די „מעשה אבות" וועלכע ווערן דערציילט אין תורה[8] — ועל אחת כמה וכמה אז ענין וואס פארנעמט כמעט א גאנצע סדרה — וואס זיינען „סימן לבנים", א נתינת כח צו דער עבודה פון די „בנים", בני אברהם יצחק ויעקב.

דערפון איז פארשטאנדיק, אז די פרטים הנ"ל אין יעקב'ס פארנעמען זיך מיט צאן

— (א) אז דוקא „צאן" האט גע־בראכט דעם „ויפרוץ האיש מאד מאד": (ב) לאידך, כאטש אז „צאן" איז געווען עיקר רכושו, האט ער אבער פארביטן (א טייל פון) זיין צאן אויף „שפחות ועבדים וגמלים וחמורים", (ג) אין זיין שליחות צו עשו'ן האט ער דערמאנט „צאן" נאך „שור וחמור" —

זיינען דא אין דער עבודה רוחנית פון יעדער אידן.

**ג.** וועט מען דאס פארשטיין בהק־דים וואס עס שטייט אין מדרשי[9] וועגן דעם פארבונד צווישן אידן מיטן אוי־בערשטן: „הוא לי לאב ואני לו לבן . . הוא לי לרועה . . ואני לו לצאן". איז ידוע די שאלה אין דעם: וויבאלד אז אידן זיינען ווי א „בן" צום אויבערשטן, וואס קען דא צוגעבן דאס וואס זיי זיי־נען ווי „צאן" — ואדרבא, וואס פאר אן ערך האט די חביבות פון צאן ביי זייער רועה לגבי דער חביבות פון א בן ביי זיין אב?

1) פרשתנו ל, מג.
2) עה"פ.
3) ראה תו"ח פרשתנו (ל, ג).
4) לב, ו.
5) ראה גם בחיי שם. ועוד.
6) פרשתנו לא, יח.
7) כפרש"י שם: מה שקנה מצאנו עבדים ושפחות וגמלים וחמורים.
8) ראה לקו"ש ח"ה ע' 69 ואילך.
9) שהש"ר פ"ב, טז (א).





# ט־יוד כסלו

נעם לי לקבל מכתבו מיום ההולדת ויום ההילולא של רבנו האמצעי בן רבנו הזקן . . . ושמחתי לקרות בפתיחת מכתבו — ובלשון רבנו הזקן (אגה"ק בפתיחתה) — פותחין בברכה לברך ולהודות לה' כי טוב כו' אין טוב אלא תורה תורת ה' תמימה כו' — ע"ד לימוד תורה ברבים אשר בבית הכנסת ליובאוויטש בליובאוויטש. וחייב אדם לומר בלשון רבו, באגה"ק הנ"ל:

הודאה על העבר ובקשה על העתיד, כה יתן וכה יוסיף ה' לאמץ לבם בגבורים כו'.

ובדרך אפשר י"ל ע"פ המבואר בהמאמר דש"ק מברכין חדש הגאולה, הוא מאמר כ"ק אדמו"ר (מהורש"ב) וכ"ק מו"ח אדמו"ר — זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע, בענין הגבורה שזהו תגבורת החיות, ומביאים הראי' — בהשתלשלות מלמעלה למטה — מהחיות הבא מלמעלה גבורות גשמים, תגבורת החיות שבאדם, עד שזה פועל ג"כ תגבורת בהעלאה מלמטה למעלה.

ויהי רצון שגם לימודם ברבים יהי' מכוון למטרה האמורה, ובפרט בפנימיות התורה שענינה מלמעלה למטה, שיהי' בתגבורת החיות, ובמילא תביא לתגבורת החיות בכל המשתתפים בשיעור ועד שיהי' בבחי' הפלגה, הפלגה באיכות והפלגה גם בכמות ע"י ריבוי מספר המשתתפים, ועי"ז יתעלה הלימוד בתגבורת למעלה מעלה, המתאחד עם מטה מטה, מעשה בפועל בחיי היום יומים, אפילו בימות החול ובעניני הרשות.

ומסוגלים ימים אלו שבין יו"ד כסלו וי"ט כסלו, וביחוד יום הבהיר י"ט כסלו, חג גאולתנו ופדות נפשנו אשר אור וחיות נפשנו ניתן לנו, שתהי' התחלה בכל האמור בהצלחה, ויקוים פתגם נשיאנו הק' „אז ווי מען שטעלט זיך אוועק אזוי גייט דאס".

בברכה לבשר טוב בכל האמור, ובפ"ש כל המשתתפים בשיעור, שיקויים בכל אחד ואחד מהם ובני ביתם שי' פסק בי"ד של מעלה, אשר בכל ענין של תורה יראת שמים ומדות טובות תהי' יד מקושריו והולכי בעקבותיו על העליונה — ובטוב הנראה והנגלה

(ממכתב יו"ד כסלו תשט"ז)

האָט מען שוין אויך „לב לדעת ועינים לראות ואזנים לשמוע"[6]:

איצטער דאַרף נאָר זיין, כאמור, אַז מ'זאָל אויפעפענען דעם „לב לדעת" און אויפעפענען די „עינים לראות" און אויפעפענען די „אזנים לשמוע", און עד"ז — אויסנוצן אַלע רמ"ח אברים און שס"ה גידים הגשמיים — נוסף אויף לימוד התורה וקיום המצוות בכלל (רמ"ח מ"ע כנגד רמ"ח אברים[7] ושס"ה מל"ת כנגד שס"ה גידים[8]) — אויף לימוד פנימיות התורה כפי שנתגלתה בתורת החסידות וקיום הוראות רבותינו נשיאינו, כולל — לערנען וועגן עניני גאולה, אין אַן אופן אַז דאָס זאָל אויפעפענען דעם לב ועינים ואזנים — מ'זאָל פאַרשטיין, זען און הערן בפשטות ממש אין גשמיות העולם — די גאולה האמיתית והשלימה בפועל ממש, און לערנען תורתו של משיח (פנימיות התורה) באופן של ראי', וואָס דאָס אַלץ איז שוין דאָ מן המוכן, מ'דאַרף נאָר אויפעפענען די אויגן וועט מען עס זען!

. . . אויך דעם מנהג ישראל וואָס איז הולך ומתפשט בזמננו זה — צו לערנען עניני גאולה ועניני משיח, בכדי זיך און אַנדערע נאָכמער צוגרייטן צו דעם גילוי פון דער גאולה האמיתית והשלימה, כנ"ל.

(משיחות ש"פ ויצא, ט' כסלו תשנ"ב)

6) תבוא כט, ג.
7) מכות כג, סע"ב.
8) זח"א קע, ב.





שטייט אויף דעם דער ביאור[10], אַז היא הנותנת:

דאָס וואָס מ'רופט אַן אידן בשם „בנים", ווייזט אַז זיי זיינען אַ מציאות לגבי דעם „אב" (דעם אויבערשטן); און אע"פ אַז דער פאַרבונד פון אַ נשמה מיטן אויבערשטן איז ניט ווי אַ „בן" למטה וואָס „נהי' מהות בפ"ע" פון דעם אב, נאָר די נשמה איז „כולא חד (מיטן אויבערשטן) ואינה נפרדת ממנו ית' כלל"[11] — איז דאָך אָבער דער עצם תואר „בן" אַ באַווייז, אַז דאָס איז כאילו ווי אַ צווייטע מציאות (ניט דער „אב"), און זיין מציאות וחביבות האָט אַן ערך ותפיסת מקום ביים אב — וואָס דאָס קען מען זאָגן נאָר לגבי דעם אור אלקי פון סדר השתלשלות[12], וואָס איז אַ שורש ומקור אויף נבראים, און דער־פאַר זיינען זיי דאָרט תופס מקום.

אָבער לגבי דעם אור אלקי שלמעלה מהשתלשלות, איז — „גם בן ואח אין לו"[13] — עס איז ניט שייך צו זאָגן אַז ס'איז דאָ וועלכע ס'איז מציאות אויסער אים; און לגבי אים ווערן אידן (וחביבו־תם) פאַרגליכן צו צאן, וואָס זייער מציאות (ווי אויך זייער חביבות) האָט ניט קיין ערך לגבי דעם מהות פון רועה.

אָבער לאידך גיסא, איז דאָס גופא אַ באַווייז אויפן גודל העילוי פון אידן, אַז אויך אין דער דרגא פון אלקות וואו ס'איז ניטאָ קיין נתינת מקום אויף דער מציאות פון נבראים — „גם בן ואח אין לו" — אויך „דאָרטן" איז דאָ די חביבות צו אידן[14]:

נאָר די חביבות זייערע איז ניט מצד זייער „מציאות", נאָר פאַרקערט — מצד זייער עוצם הביטול צום אויבערשטן, וואָס דוקא דער ביטול איז אַ כלי צום אור אלקי שלמעלה מהשתלשלות, כמש"נ[15] „מרום וקדוש אשכון ואת דכא ושפל רוח".

און אויך דער ענין — דער עוצם הביטול — איז מרומז אין דעם וואָס אידן זיינען געגליכן צו צאן. וואָרום, ווי מ'זעט במוחש, איז אין צאן דאָ די טבע הביטול מער ווי באַ אַנדערע מיני בהמה[16].

ד. די צוויי תוארים פון אידן — „בן" און „צאן" — זיינען מרמז אויף צוויי אופנים אין עבודת האדם[17]:

בחי' בן איז די עבודה פון לימוד התורה, וואָס עיקרה איז — די הבנה והשגה שבמוח (אין וועלכער דער אדם הלומד פילט זיך אַלס אַ מציאות — ער נעמט תורה דורך זיין פאַרשטאַנד).

און אע"פ אַז כדי ער זאָל בלימודו מכוון זיין צו אמיתתה של תורה, צו חכמתו ית', מוז ער שטיין אין אַ תנועה

10) לכללות סעיף זה — ראה אוה"ת ראה ע' תשפד־ה. ע' תשצה ואילך.
11) לקו"ת ר"ה סב, ד.
12) להעיר גם מדרמ"צ (ד, א־ב) דענין היחוד והזווג לא יתכן למעלה מאצילות, ע"ש.
13) קהלת ד, ח.

14) עד שההמלכה על כללות הבריאה היתה בנשמותיהן ש"י (ראה ב"ר פ"ח, ז. רות רבה פ"ב, ג. וראה לקו"א ואו"ת להה"מ בתחלתו. נת' בלקו"ש חט"ז ע' 486).
15) ישעי' נז, טו.
16) לקו"ת אמור לז, סע"א ואילך. תו"ח פרשתנו לא, ב. וישלח מא, רע"א. אוה"ת וישלח רכח, ב. אוה"ת ראה שם (ע' תשצו).
17) לכללות סעיף זה — להעיר ממשנ"ת (לקו"ש ח"כ ע' 333 ואילך) בביאור מרז"ל (ב"ר פ"ס, ח. פרש"י ח"ש כד, מב) „יפה שיחתן של עבדי בתי אבות מתורתן של בנים". ולהעיר מאוה"ת ראה שם ע' תתא (ושם, שצאן הו"ע עסק התפלה. וראה בלקו"ש ח"כ שם ע' 331 הערה 62).

פון ביטול — דוקא דורך „ונפשי כעפר לכל תהי׳" קען זיין „פתח לבי בתורתך"[18] (וכידוע בענין „ברכו בתורה תחלה"[19]) — איז דאס נאר וואס דער ביטול איז א יסוד והקדמה צו לימוד התורה: אבער דער לימוד התורה גופא איז דאך (ניט מיט ביטול, נאר פאר־קערט) מיטן כח השכל דוקא.

„צאן" ווייזט אויף דער עבודה פון „בירורים". „צאן" איז פון לשון „יציאה"[20] — „ארויסגיין" פון די ד׳ אמות של תורה און פארנעמען זיך מיט עניני העולם צו מאכן פון זיי א דירה לו ית׳ בתחתונים.

און דוקא די עבודה ברענגט ארויס דעם אמת׳ן ביטול פון א אידן צום אויבערשטן — די יציאה („צאן") פון זיין מציאות. ווארום דאס איז אן עבודה וואס א איד טוט זי ניט צוליב זיך, צוליב זיין שלימות און עלי׳

(ווארום, אדרבה, דער עצם פאר־נעמען זיך מיט עניני העולם איז א ירידה פאר אים, ער דארף מפסיק זיין פון לימוד התורה, און ווערלכן עס זיינען אריינגעטאן זיינע העכערע און איידלערע כחות הנפש, און זיך מתעסק זיין אין עניני עשי׳)

נאר בלויז כדי צו אויספירן דעם אויבערשטנ׳ס כוונה, לעשות לו ית׳ דירה בתחתונים[21].

ה. דערמיט וועט מען פארשטיין דעם קשר ושייכות פון ענין הצאן צו עבודתו של יעקב בבית לבן.

דער חילוק צווישן עבודת יעקב אין דעם זמן וועגן וועלכן עס רעדט זיך אין פ׳ תולדות און עבודתו ווי זי ווערט ארויסגעבראכט אין פ׳ ויצא[22]:

אין פ׳ תולדות רעדט זיך וועגן דער צייט וואס עבודת יעקב איז געווען בבחי׳ „בן" — „ויעקב איש תם יושב אהלים", „אהלו של שם ואהלו של עבר"[23]; און אויך בסוף הסדרה, וואו עס ווערט דערציילט אז יעקב האט געמוזט אנטלויפן פון בית אביו, איז ער ניט אוועק פון אהלה של תורה, נאר אדרבה, „נטמן בבית עבר י״ד שנה"[24] און דארט געלערנט תורה.

אין פ׳ ויצא אבער רעדט זיך וועגן דעם ווי ויצא יעקב, ער איז ארויס פון די ד׳ אמות של תורה און איז אנגעקומען קיין חרן — חרון אף של מקום בעולם[25], אין בית לבן הארמי; און דארט האט ער געארבעט אלס רועה פון צאן לבן (אויך) כפשוטו, און אין אן אופן פון „בכל כוחי עבדתי גו׳"[26] (ביז אז מ׳לערנט אפ[27] פון יעקב׳ן ווי אזוי א פועל דארף ארבעטן פאר זיין בעה״ב);

און דוקא די עבודה — אז ניט קוקנ־דיק אויף דעם גודל ההעלם וההסתר

18) ברכות יז, א: אלקי נצור כו׳.

19) נדרים פא, א. ב״מ פה, ריש ע״ב. נת׳ לעיל ע׳ 3 ואילך, ושנ״נ. ובכ״מ.

20) תו״א פרשתנו כג, ג. תו״ח פרשתנו לח, ב. שם ר״פ וישלח. אוה״ת שם רכח, א.

21) ראה עד״ז לעיל ע׳ 247 והערה 34. וראה שם (ע׳ 9־248), שעילוי זה בהנשמה (מה שע״י עבודת הבירורים מגעת לבחי׳ הביטול) — נוגע להשלמת הכוונה דדירה בתחתונים. כי כדי שעבודת האדם תפעול שהתחתונים יהיו דירה לו ית׳, לו לעצמותו — שזהו מצד זה שדוקא בעוה״ז ישנו הביטול ד„אין עוד" — צ״ל העבודה בביטול לגמרי, מעין הביטול ד„אין עוד", ע״ש.

22) בהבא לקמן — להעיר מתו״ח תולדות ד״ה ויתן לך פ״כ ואילך.

23) תולדות כה, כז. ב״ר ופרש״י עה״פ.

24) פרש״י ס״פ תולדות. ממגילה טז, סע״ב ואילך. סדר עולם פ״ב.

25) רש״י ס״פ נח.

26) פרשתנו לא, ו.

27) רמב״ם הל׳ שכירות בסופו. שו״ע אדה״ז חו״מ הל׳ שאלה ושכירות סעיף כ.





וכמדובר כמ״פ לאחרונה, אז נאך דעם ריבוי מופלג פון מעשינו ועבודתינו במשך כל הדורות, ובפרט נאך דער עבודה פון רבותינו נשיאינו.. ביז די עבודה פון כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו — האט מען שוין פארענדיקט אלע בירורים,

כולל אויך — דעם בירור פון „עשו הוא אדום"[1].. איז עשו שוין אינגאנצן נתברר געווארן, ווי מ׳זעט עס אויך אין דער הנהגה בזמן הזה (בגלות אדום) פון די אוה״ע וואס שטאמען פון „עשו הוא אדום", בדרך מלכות של חסד (און אזוי ווערט נתפשט די הנהגה אין נאך מדינות, ווי מ׳האט געזען און מ׳זעט בפרט לאחרונה) —

איז דאך פארשטאנדיק, אז איצטער האלט מען שוין בא דעם מצב אז דער גוף הגשמי און אפילו גשמיות העולם איז שוין אינגאנצן נתברר ונזדכך געווארן, און איז א „כלי" מוכן אויף אלע אורות וענינים רוחניים, כולל ובעיקר — אורו[2] של משיח צדקנו, אור הגאולה האמיתית והשלימה,

... און די איינציקע זאך וואס פעלט איז — אז א איד זאל אויפעפענען זיינע אויגן כדבעי, וועט ער זען ווי אלץ איז שוין גרייט צו דער גאולה! מ׳האט שוין דעם „שולחן ערוך", מ׳האט שוין דעם לויתן ושור הבר ויין המשומר[3], און אידן זיצן שוין באם טיש — „שולחן אביהם"[4] (מלך מלכי המלכים הקב״ה), צוזאמען מיט משיח צדקנו (ווי עס שטייט אין ספרים[5] אז בכל דור איז דא „א׳ מזרע יהודה שהוא ראוי להיות משיח"), ובדורנו נשיא דורנו כ״ק מו״ח אדמו״ר, און נאך ארבעים שנה פון הסתלקות כ״ק מו״ח אדמו״ר

1) וישלח לו, א.

2) זח״ג לד, ב. הובא ונת׳ בלקוטי לוי״צ לזח״ג ע׳ ריט ואילך.

3) ראה ברכות לד, ב. ב״ב עה, א. ויק״ר פי״ג, ג. ועוד.

4) ברכות ג, סע״א.

5) פי׳ הברטנורא למגילת רות. וראה גם שו״ת חת״ס חו״מ (ח״ו) בסופו (סצ״ח). וראה שד״ח פאת השדה מע׳ האל״ף כלל ע׳. ועוד.

בבית לבן, איז יעקב ניט נתפעל גע־ווארן, און „עם לבן הרשע גרתי, ותרי"ג מצות שמרתי"[28], און ער האט דארט אויפגעשטעלט די שבטים שבטי י"ה אין אן אופן פון „מטתו שלימה"[29] — די עבודה האט ארויסגעבראכט דעם תכלית הביטול פון יעקב'ן.

ווי"ל אז דאס איז דער טעם (פנימי) וואס דער עיקר פונעם רכוש וואס יעקב האט פארדינט און מיטגענומען פון בית לבן איז געווען צאן דוקא — ווייל אין „צאן" איז מרומז דער עילוי רוחני צו וועלכן ער איז צוגעקומען דורך עבודתו בבית לבן — דער ענין הביטול[30], כנ"ל.

[און דאס איז אויך דער דיוק הלשון „ויפרוץ האיש מאד מאד" — פון לשון פורץ גדר — ווייל דורך ביטול (צאן) איז מען פורץ די גדרים פון סדר השתל־שלות און מען קומט צו צום אור אלקי וואס האט ניט קיינע הגבלות — „מאד מאד" (ב' פעמים „מאד")[31]:

ביז — ווי חסידות[32] טייטשט אפ די פסוקים[33] „והחליף את משכורתי עשרת מונים גו' אם כה יאמר נקודים יהי' שכרך גו' עקודים גו'" למעליותא — אז יעקב בעבודתו האט ממשיך געווען „עצמות רצון המאציל" וואס איז העכער פון התחלקות וציור, און דערפאר האט זיין שכר געקענט נחלף ווערן פון איין ציור צום צווייטן].

ו. כשם ווי אין דער עבודה פון „בן", וואס ענינה איז מיט הבנה והשגה („מציאות"), מוז אויך זיין דער ענין הביטול (כנ"ל ס"ד) — עד"ז איז אויך לאידך גיסא, אז אין דער עבודה פון „צאן", וואס (עיקרה) איז ביטול, מוזן זיין (די פעולות פון) אלע כחות הנפש, זיין „מציאות":

ואדרבה: מיט ביטול ושפלות אליין קען מען ניט לוחם זיין קעגן דעם העלם והסתר העולם, נאר עס מוז זיין — ווי די הוראה אין אנהויב פון אלע פיר חלקי הטור (ושו"ע[34]) — „עז כנמר כו' גבור כארי", אז מ'דארף נוצן די מדת העזות[35] „שלא להתבייש מפני בני אדם המלעי־גים", און די מדת הגבורה „להתגבר[36] על יצרו לנצחו כגבור המתגבר על שונאו לנצחו ולהפילו לארץ"[37].

נאר דערביי דארף מען זיך בא־ווארענען, אז דאס זאל געטאן ווערן אלס תוצאה פון זיין ביטול צום רצון העליון. אויב די גבורה וכו' איז מצד זיין אייגענער ישות, איז

(נוסף אויף דעם, וואס ווען מ'איז לוחם מיטן תוקף פון דער אייגענער מציאות, קען מען ניט וויסן ווער וועט מנצח זיין די מלחמה, ס'איז מעגלעך אז

28) וישלח לב, ה ובפרש"י שם.
29) ויק"ר פל"ו, ה. פרש"י ויחי מז, לא. וראה פסחים נו, א. ספרי ואתחנן ו, ד. ועוד.
30) וראה בארוכה תו"ח פרשתנו (ל, ג ואילך) — השייכות למדתו של יעקב דוקא, מדת הרחמים.
31) ראה תו"א פרשתנו כג, ג. תו"ח וישלח לט, ד.
32) תו"א סוף פרשתנו. תו"ח פרשתנו לח, א־ב.
33) פרשתנו לא, ז־ח.

34) אדה"ז במהדו"ת. — משא"כ במחבר ושו"ע אדה"ז מהדו"ק שם: יתגבר כארי כו'. וברמ"א שם (ושו"ע אדה"ז שם ס"ג) „ולא יתבייש כו'" (ולא הזכיר ענין העזות. אלא שבשו"ע אדה"ז שם מסיים „ומ"מ לא יענה דברי עזות כו'", כבהערה הבאה). ואכ"מ.
35) אלא ש„לא יענה דברי עזות כו' שלא יקנה קנין בנפשו כו'" (שו"ע אדה"ז שם. מב"י שם). ולהעיר ממרז"ל שישראל עזין שבאומות (ביצה כה, ב).
36) לשון אדה"ז במהדו"ת שם.
37) להעיר גם מ„ויגבה לבו בדרכי ה'" (דה"ב יז, ו. תו"א צא, ב. קיט, ג ואילך. לקו"ת במדבר טו, ג. ובכ"מ).





בשעת מען טוט די עבודה מתוך ביטול, איז זי ניט אויסגעמאסטן לויט די מדידות והגבלות פון טבע און געשמאק: ס'איז בא אים ניטא קיין גרויסע נפק"מ וואוהין דער אויבערשטער שיקט — אין יעדער ארט ומצב וואו די השגחה עליונה פירט, און בא יעדן סוג אידן מיט וועלכע ער קומט אין פארבינדונג, לייגט ער זיך אריין מיט אלע כוחות און בכל התוקף צו אויפשטעלן „תלמידים הרבה"[49], למעלה ממדידה והגבלה, אין אן אופן פון „ויפרוץ האיש מאד מאד".

און בשעת מען גייט מיט דער הנחה אז מ'דארף אויספירן דעם אוי־בערשטנ'ס שליחות, איז מען מצליח מיט אלע סוגי תלמידים — „אם כה יאמר נקודים גו'" און „אם כה יאמר עקודים גו'", איז — „וילדו כל הצאן גו'", אלע תלמידים וואקסן אויס כדבעי, און נאכמער „פרות ורבות יותר משאר צאן"[50], און ס'איז „מטתו שלימה" — ס'איז ניטא קיין דופי ח"ו אין בניו־תלמידיו.

און דאס גרייט צו יעדן איד און אלע אידן צו דער גאולה האמיתית והשלימה, וואס בא דער גאולה וועט קיין איין איד ניט בלייבן אין גלות, ווי דער יעוד „ואתם תלוקטו לאחד אחד בני ישראל"[51], און „קהל גדול ישובו הנה"[52], בקרוב ממש.

(משיחות יו"ד כסלו תשל"ז)
לקו"ש חט"ו ע' 252

49) אבות פ"א מ"א. וראה לקו"ש ח"ד ע' 1180.

50) פרש"י פרשתנו ל, מג.
51) ישעי' כז, יב. וברש"י נצבים (ל, ג): אוחז בידיו ממש איש איש ממקומו.
52) ירמי' לא, ז.

## בשורת הגאולה

### נ.

דעם ענין שהזמן גרמא בדורנו זה ובזמננו זה — די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו, ווי געו־עדט מערערע מאָל לאחרונה, אַז איצט האָט מען שוין פאַרענדיקט אַלע ענינים און מ'דאַרף נאָר מקבל זיין פני משיח צדקנו בפועל ממש.

. . . על אחת כמה וכמה בדורנו זה ובזמננו זה — וואָס לויט די סימנים אין חז"ל (אין מס' סנהדרין, אין מדרשים ובכ"מ) האַלט מען שוין באַ דער גאולה ממש,

דער צד שכנגד האָט אין זיך מערער פון דעם סוג עזות און שטאַרקייט — איז)

דאָס היפך הקדושה, ובמילא קען אַזאַ הנהגה ניט זיין קיין ריכטיגער סיוע אין זיין מלחמה מיט מלעיגים און מנגדים לתורה ומצות.

דוקא ווען ער פירט זיך אַזוי דערפאַר וואָס אַזוי האָט אים תורה געהייסן, דאַן איז דאָס די עזות וגבורה וואָס איז מנצח דעם מנגד.

ויש לומר, אַז דאָס איז אויך דער טעם פנימי וואָס דער טור (און אַזוי אויך דער אַלטער רבי בשולחנו[38]) ברענגט אויך דעם נאָמען פון דעם בעל המאמר „עז כנמר כו'" — „יהודה בן תימא":

דאָס קומט צו מרמז זיין*[38*], אַז די הוראה פון „עז כנמר כו'" איז אַ הנהגה ראוי' ווען זי קומט פון „יהודה בן תימא" — יהודה מלשון הודאה, די עבודה פון הודאה וביטול[39]; און ס'איז ניט מספיק אַז דער ביטול זאָל זיין בלויז ווי אַ הקדמה בתחילת העבודה, נאָר דער „יהודה" דאַרף זיין „בן תימא" — דער ביטול דאַרף זיך (נאָכאַנאַנד) „אַרויסזאָגן" אין דער הנהגה פון „עז כנמר כו'"[40]. וואָרום וויבאַלד אַז מען שטייט אין דער תנועה פון עזות וגבורה קען מען אַריינפאַלן אין פּשוט'ער עזות פון ישות ח"ו[41].

ז. און דאָס איז דער ביאור אין די פרטים הנ"ל (סעיף א' וב') אין צאן יעקב:

אע"פ אַז כללות עבודתו (ורכושו) איז געווען צאן (ביטול), כנ"ל, האָט ער זיך אָבער דערמיט ניט באַנוגנט, נאָר ער האָט אויך אַריינגענומען אין זיין רכוש „שפחות ועבדים וגמלים וחמורים" — ווייל כדי צו דורכפירן כדבעי די עבודת הבירורים, (ובפרט דערנאָך די בירורים פון עשו), זיינען נויטיק אַלע פאַרשידענע פרטי ואופני העבודה (וועלכע זיינען מרומז אין די ענינים הנ"ל[42]).

נאָר אין דעם זיינען געווען צוויי באַוואָרענישן:

א) די הגדלת הרכוש מיט די פרטים נוספים האָט יעקב קונה געווען מיט און דורך דעם (אומבייט פון דעם) צאן — זיי זיינען ניט געקומען ווי אַן עבודה פאַר זיך, נאָר אַלס תוצאה פון עבודת הביטול.

ב) אויך נאָכדעם האָט ער ניט פאַרקויפט דעם גאַנצן צאן און פאַרביטן מיט אַנדערע קנינים, נאָר אדרבה, דער צאן איז אויך דעמאָלט געבליבן עיקר רכושו. וואָרום אויך ווען מ'איז אַריינגעטאָן אין דער מלחמה מיטן העלם והסתר העולם, וואָס פאָדערט תוקף וגבורה כו', מוז בלייבן דער הרגש הביטול אַן ענין עיקרי.

ח. עפ"ז איז אויך פאַרשטאַנדיק וואָס אין דער שליחות צו עשו'ן ווערט דער

38) בטור דרכו להביא מרז"ל בשם אומרם. אבל אי"ז דרכו של אדה"ז בשולחנו.

*38) ידוע הרמז דמתחיל ביהודה, דשם הוי' בו (ראה סוטה י, ב. לו, ב), שהוא בן תימא (דכל התורה).

39) תו"א ר"פ ויגש (מד, א) ור"פ ויחי.

40) ויש לומר שבזה דוקא מתבטא אמיתית • ענין הביטול, שלמעלה ממדידה והגבלה, שלכן גם התנועה דעזות (שבחיצוניות הוא היפך ענין הביטול) אינה בסתירה להביטול.

41) שלכן צ"ל זהירות „שלא יענה דברי עזות כו'" (ראה לעיל הערה 35).

42) ראה תו"א ר"פ וישלח. תו"ת שם מב, ד.

*) להעיר מקה"י ע' יהודה בן תימא: תמא אותיות אמת תתן אמת ליעקב.





פרט פון „צאן" ניט געשטעלט אַלס ערשטער פון די אויסגערעכנטע פרטי הרכוש — כאָטש אַז דאָס איז געווען עיקר רכושו:

מיט זאָגן „ויהי לי שור וחמור צאן ועבד ושפחה" האָט יעקב געוואָלט דערמאָנען די זכיות[43] און כוחות נעלים וואָס וועלן אים ביישטיין, און דערמיט אָפּשרעקן עשו'ן פון צו טאָן וואָס עשו האָט געוואָלט טאָן.

און דעריבער האָט ער ניט מקדים געווען דעם פרט פון צאן, וואָס ווייזט אויף טבע הביטול והשפלות וההכנעה — ווייל כדי צו אָפּשרעקן עשו'ן, דאַרף ער (עשו) בעיקר און צום אַלעם ערשטן דערהערן דעם תוקף פון יעקב[44]: ער דאַרף טאַקע וויסן אַז ביי יעקב איז דאָ צאן — ד.ה. ענין הביטול, ובמילא איז זיין תוקף ניט קיין אייגענער, נאָר ס'איז אַ תוקף דקדושה — אָבער מיט וואָס שרעקט מען אים אָפּ — מיט תוקף.

דאָס איז אָבער נאָר בנוגע צו דעם וואָס דער צד שכנגד דאַרף דערהערן. פאַר זיך אַליין דאַרף מען וויסן און געדענקען דעם אמת, אַז דער תוקף איז אַ תוצאה פון ביטול, ואדרבה — דער עיקר רכוש פון אַ אידן איז צאן דוקא[44].

ט. די איינפאַכע הוראה פון כל הנ"ל (בדורנו זה) איז: עס מוז זיין דער סדר עבודה פון „ויצא" — אַרויסגיין און ליכטיק מאַכן די וועלט. מען דאַרף און מען מוז פריער האָבן די הכנה פון לימוד התורה באהלי שם ועבר, מ'דאַרף אָבער צוקומען צו „ויפרוץ האיש מאד מאד", מלאו את הארץ וכבשוה[45], מוז מען אַרויסגיין אין „ארץ" און פאַרנעמען זיך מיט באַלייכטן די וועלט[46].

ואדרבה, „בעתים[47] הללו בעקבתא משיחא" איז דער עיקר העבודה דוקא אין עשי', משא"כ בזמן הש"ס ווען עס איז געווען אין תלמוד תורה[47], ע"ד דעם פסק דין אין שו"ע[48], אַז היינטיקע צייטן איז ניטאָ די מציאות פון „תורתו אומנתו" (די דרגא פון רשב"י וחביריו), אפילו ניט ביי אַ מיעוט פון אידן — ווייל עיקר העבודה בזמן הזה איז אין עשי', מעשה הצדקה.

ובפרט בדורנו זה, וואָס אַט די התעסקות — צו אויפזוכן אידן וואָס בלאָנדזשען אין חושך הגלות און זיי אוועקשטעלן בקרן אורה פון נר מצוה ותורה אור — באַשטייט בעיקר ניט אַזוי אינעם אויפטו צו מאַכן פון אַן עם הארץ אַ למדן, פון אַ קלענערן למדן אַ גרעסערן, פון אַ מקיל במצות אַ ירא־שמים בתכלית, נאָר אין דעם ענין פון הצלת נפשות ממש!

מען איז מציל דעם נפש פון דעם אידן ובניו כו', עד סוף כל הדורות, אַז זיי זאָלן בלייבן אידן און פירן זיך (אָנהייבנדיג עכ"פ בנוגע למעשה) ווי אַ איד דאַרף זיך פירן.

יו"ד. נאָך אַ נקודה אין דעם: כדי אַז די עבודה זאָל זיין בהצלחה רבה, מוז עס געטאָן ווערן מתוך ביטול: מ'דאַרף עס טאָן כדי צו אויספירן די שליחות פון אויבערשטן צו באַלייכטן דעם חושך הגלות.

43) ראה ב"ר פע"ה, ו. שם, יב. יפה תואר שם. וראה אלשיך ומגלה עמוקות עה"פ ויהי לי שור גו'. ועוד.

44) להעיר גם מתו"ח וישלח מ, סע"ד.

45) בראשית א, כח.

46) ראה גם לקו"ש ח"ג ע' 788 ואילך.

47) אגה"ק סו"ס ט.

48) ראה טושו"ע ואדה"ז או"ח סו"ס קו.